**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/23/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט דזשאָוען קעסנער צו דינען אלס ערי קאנאל האפן אנטוויקלונג קארפאראציע פארזיצערין**

***קעסנער וועט פירן גאווערנער'ס פלענער צו [פארבעסערן צוטריט](#) צו באפעלאו'ס טייך ברעגעס, אריינרעכנענדיג טראנספארמאטיווע איבערבויאונג פון [North Aud Block](#)***

***לעסלי זעמסקי און סעם קאפיטאנאָ אויך באשטימט צו דינען אויף ECHDC באורד***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז דזשאָוען קעסנער, די געוועזענע גאווערנער'ס ראיאנישע דירעקטארין פאר מערב ניו יארק, וועט דינען אלס פארזיצערין פאר די ערי קאנאל האפן אנטוויקלונג קארפאראציע (Erie Canal Harbor Development Corporation, ECHDC) באורד אָוו דירעקטארס. די גאווערנער האט אויך באשטימט קעסנער צו דינען אויף די באורד און איר אויך רעקאמענדירט אלס די קומענדיגע פארזיצערין פון די ECHDC באורד וואס די באורד האט היינט באשטעטיגט. לעסלי זעמסקי, וויצע פרעזידענט און שותף'טע אין Larkin Development Group, און סעם קאפיטאנאו, ביזנעס מענעדזשער פון אינטערנאציאנאלע 'לעיבארערס' יוניאן פון צפון אמעריקע, אפסטעיט ניו יארק לעיבארערס דיסטריקט קאונסיל, זענען אויך באשטימט געווארן צו זיצן אויף די ECHDC באורד. ECHDC איז די סטעיט אגענטור וואס שטיצט און שטופט פאר די אויפבויאונג פון אינפראסטרוקטור און פובליק אקטיוויטעטן אויף Canalside און אויף די דרויסנדיגע האפן אין באפעלאו, און זיי ארבעטן צו ציהען פריוואטע אינוועסטירונג און באדייכערן די הנאה אויף די וואסער ברעגעס פאר איינוואוינער און באזיכער פון מערב ניו יארק.

"דזשאָוען קעסנער איז אן איבערגעגעבענע און טאלאנטפולע פירערין וואס וועט קאנצענטרירן די סטעיט'ס באמיאונגען צו אויפלעבן אונזער עקאנאמיע, אנגעהויבן פון די וואסער ברעג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר פארשטערקערן אונזערע באמיאונגען צו מוטיגן באזיכער, דעוועלאפערס און אינוועסטירער צו קומען צו די עק פון די וואסער, וועט דזשאָוען'ס צוזאמענארבעטנדע גייסט און שווערע ארבעט פארזיכערן ווייטערע פארשריט אויף די ערי קאנאל האפן אנטוויקלונג קארפאראציע'ס איניציאטיוון. איך באגרוס אויך לעסלי זעמסקי און סעם קאפיטאנאו צו די באורד, און איך בין זיכער אז זייער מומחיות וועט זיין אן אוצר פאר באפעלאו'ס וואסער ברעגע גייענדיג ווייטער."

**ערי קאנאל האפן אנטוויקלונג קארפאראציע פארזיצערין, דזשאָוען קעסנער, האט געזאגט,** "איך וואלט נישט געקענט זיין שטאלצער און מער באגייסטערט צו פארזעצן מיט די דעוועלאפמענט פראיעקטן וועלכע וועלן ברענגען מער מענטשן צו באפעלאו'ס וואסער ברעגעס. די וואסער ברעגעס און די דעוועלאפמענט דערפון זענען א הויפט פריאריטעט פאר גאווערנער האקול, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט איר צו טראנספארמירן די דעסטינאציע און צו ווייטער פארזעצן מיט די עקסטאז, באזונדערס אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך צו די צוויי הונדערטסטע יארטאג פון די ערי קאנאל'ס פארענדיגונג אין 2025. איך בין באגייסטערט צו ארבעטן מיט די טאלאנטפולע און שעפערישע באורד און

מיט די איינגעשטעלטע פון די ECHDC. מיר ווילן ארבעטן צוזאען צו מאכן אונזער וואסער ברעג פאר אזא פון וואס מיר קענען אלע געניסן און שטאלצירן דערמיט. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר די געוואלדיגע געלעגנהייט און פאר איר שטארקע איבערגעגעבנקייט צו מערב ניו יארק."

**דזשאָוען קעסנער** (בילד פארעפנטליכט דא), א מערב ניו יארק געבוירענע, האט לעצטנס געדינט אלס די מערב ניו יארק ראיאנישע דירעקטארין פאר גאווערנער האקול, פאראויס שטופנדיג ראיאנישע פראיעקטן און אינציאטיוון בשעת'ן פארטרעטן די גאווערנער ביי קאמיוניטי געשעענישן. בעפאר דעם האט קעסנער געארבעט אין די ניו יארק סענאט פאר מער פון 26 יאר אלס עקזעקיוטיוו געהילפין פאר ניו יארק סטעיט סענאטאר וויליאם ט. סטעקאווסקי, וואו זי האט איבערגעזעהן גרענטס און פראיעקט אנטוויקלונג אין די דיסטריקט. זי האט זיך באטייליגט אין פארהאנדלונגען מיט די ניו יארק פּאווער אויטאריטעט ( New York Power Authority, NYPA) צו אנקומען צו א סעריע פון אפמאכן וועלכע האבן ערמעגליכט די 50-יאריגע אפעראציע לייסענס פאר דעם ניאגרא פאווער פראיעקט, און זי פארשטייט די ראלע פון די ECHDC. קעסנער האט אויך געשפילט א הויפט ראלע ביים שתדל'ן פאר וואסער זיכערהייט, און זי האט געארבעט צו העלפן באצאלטע און וואלונטיר וואסער רעטונג איינהייטן וועלכע האבן זיך אפגערופן צו עמערדזשענסיס אין לעיק ערי, פירנדיג צו די אוועקשטעלונג פון די 'מערב ניו יארק און אָנטאַריאו, קאנאדע ALERT' (פארגעשריטענע לאקאלע עמערדזשענסי רעטונג מאנשאפטן - Advanced Local Emergency Rescue Teams), און געשטיצט די ערשטע ערי קאונטי שעריף'ס העליקאפטער. קעסנער איז אויך ערוויילט געווארן צו זיצן אויף די האמבורג טאון באורד פאר מער פון 14 יאר. קעסנער האט אין די פארגאנגענהייט געארבעט אין די ערי קאונטי קלערק'ס קאונטי קלערק'ס אפיס, און דערנאך אלס דאן-קאנגרעספרוי קעטי האקול'ס דיסטריקט מענעדזשער פון יוני 2011 ביז מערץ 2012. קעסנער איז געגאנגען צו הילבערט קאלעדזש, און זי האט גראדואירט פון SUNY עמפייער מיט א דעגרי אין ליבעראלע ארטס. זי וואוינט אין האמבורג מיט איר מאן, און זי האט צוויי ערוואקסענע קינדער.

**לעסלי זעמסקי** איז יעצט די וויצע פרעזידענט און שותף'טע פון Larkin Development Group. די Larkin Development Group האט געארבעט צו רענאווירן א סעריע פון ווערהאוז געביידעס אויף די מזרח זייט פון באפעלאו וואס זענען אמאל געווען א טייל פון די Larkin זייף פירמע. רענאוואציעס זינט 2002 רעכענען אריין מער פון א מיליאן סקווער פיס פון אפיס פלאץ, מער פון א האלבע מייל פון רענוואציעס צו די אויסקוק פון די געסער און אן עפנטליכע צוזאמקום פלאץ פאר געשעענישן, גערופן Larkin Square. די פירמע זעצט פאר צו דעוועלאפען "לארקינוויל" דורך נייע פראיעקטן לענגאויס Seneca Street, אריינרעכענענדיג מיט מערערע פראיעקטן מיט געמישטע באנוצן – פריוואטע וואוינונגען צוזאמען מיט ריטעיל געשעפטן – און אזוי אויך א ניי-אויספלאנירטע עפנטליכע פארק. אלס "דירעקטארין פון הנאה" אין די Larkin Square, האט זעמסקי אויפגעזעהן איבער געשעענישן וואס האבן צוגעצויגן מער פון 130,000 מענטשן צו Larkin Square יעדע סעזאן. פאפולערע געשעענישן רעכענען אריין 'עסנווארג טראק דינסטאגס', 'לעבעדיג ביי לארקין מיטוואכס' און די 'Larkin Square שרייבער סעריע'. זי איז אויך געווען שטארק פארמישט אין די קאמיוניטי, האבנדיג געזיצן אויף א צאל באורדס, אריינרעכענענדיג די First Niagara פּאונדעישען, באפעלאו AKG Art מוזעאום, 'באזוך באפעלאו ניאגרא' (Visit Buffalo Niagara) און אין די קאמיוניטי פּאונדעישען פאר גרעיטער באפעלאו, און זי איז יעצט א מענטאר פאר 'די מזרח זייט געסער קאמיוניטי ריעל עסטעיט דעוועלאפמענט לעקציעס' (East Side Avenues Community Real Estate Development Course).

**סעם קאפיטאנאו** איז יעצט דער ביזנעס מענעדזשער פון די אינטערנאציאנאלע 'לעיבארערס' יוניאן פון צפון אמעריקע (Laborers International Union of North America, LiUNA), אפסטעיט ניו יארק לעיבארערס דיסטריקט קאונסיל. LiUNA פארטרעט אירע מיטגלידער וועלכע ארבעטן אין די קאנסטרוקציע אינדוסטריע און אין אנדערע פעלדער. קאפיטאנאו'ס אויפטואונגען רעכענען אריין די פריוואטע Donovan Partnership אפמאך — א 7.5 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו אפרייניגן די שעדליכע כעמיקאל 'אסבעסטאָס', און א היסטארישע קאנסטרוקציע אפמאך צווישן ארבייטער אין יוניאנס

און אינדערויסן פון יוניאנס זיך צוזאמצוקומענדיג און ארבעטן זייט ביי זייט צו ערפאלגרייך אנקומען צו די אפמאך; ער האט געארבעט מיט די ECHDC און מיט עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט צו אוועקנעמען די Bass Pro פראיעקט און אויפקומען מיט א פלאן פאר דאס וואס ווערט היינט גערופן Canalside; און ער איז געשטאנען אין שפיץ פון די פארהאדלונגען מאנשאפט פון די Buffalo Building Trades יוניאן אויף זייער ערפאלגרייכער באפעלאו Sabres' Harbor Center פראיעקט — א 300 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט וואס האט געהאלפן טראנספארמירן באפעלאו'ס וואסער ברעג און וואס האט געגאסן די יסודות פאר די נאכפאלגנדע עקאנאמישע אנטוויקלונג פון די שטאט-צענטער.

די גאווערנער'ס אנאנס היינט קומט אין די צייט וואס באמיאונגען ווערן פארשטערקערט אויף באפעלאו'ס וואסער ברעג. דער 'ווילקעסאן פּוינט פארבעסערונגען' פראיעקט אויף באפעלאו'ס דרויסנדיגע האפן האבן זיך אנגעהויבן דעם הערבסט. ארבעטנדיג אינערהאלב א שטח פון אומגעפער זיבן אקער, וועט די פלאץ צווישן ווילקעסאן פּוינט וואסער ברעג און די דערנעבנדע Fuhrmann Boulevard אריינגאנג רענאווירט ווערן צו צושטעלן א בעסערע ערפארונג פאר באזיכער. די 13 מיליאן דאלערדיגע דרויסנדיגע האפן צוזאמענקום פאוויליאן וועט זיין גרייט צו אריינגעמען קאנצערטן און אנדערע צוזאמענקונפטן קומענדיגע פרילינג. א 5 מיליאן דאלארדיגער פארבעסערונג פראיעקט ביי Bell Slip איז אונטער קאנסטרוקציע, און עס וועט צושטעלן בית הכסא'ס און א פלאטפארמע פון וואו צו ארויסקוקן אויף די וואסער ברעג.

די טראנספארמאציע פון די נארט אוד בלאק הויבט זיך אן מיט די אויפבוי אנהייבנדיג זיך אויף די געיטוועי געביידע, א פילשטאקיגע, סטעיט-פינאנצירטע סטרוקטור וואס וועט ערלויבן די ECHDC צו פארוואלטן אויף די אפעראציעס אויפן ארט פון א לאקאציע אינערהאלב קאנאלסייד. פלענער די רעשטע פון די נארט אוד בלאק מאכן אויך פארשריט. די פלאן שילדערט א טראנספארמאציע פון די כמעט צוויי-אקער-גרויסע ליידיגע שטח פאר פארשידענע ביזנעס און פריוואטע וואוינונג באנוצן אין עטליכע געביידעס וועלכע וועלן אפשפיגלען חלקים פון די אריגינעלע אויסלייג פון די גאס פון די 19'טע יאר הונדערט בשעת'ן אויך אריינעמען און אריינבויען מאדערנע אינפראסטרוקטור און איינריכטונגען פון די 21'סטע יאר הונדערט. אין די זעלבע אומגעגנט איז דער 40 מיליאן דאלארדיגער 'העריטעדזש פּוינט' פראיעקט אונטערוועגנס — א פראיעקט וואס וועט ברענגען 61 אפּארטמענטס, א רעסטאראנט, אפיסעס און ריטעיל געשעפטן צו Canalside. די Gateway און אנדערע פראיעקטן זענען פאראויס גערוקט געווארן א דאנק גאווערנער האקול"ס אנאנס אין אויגוסט פון 2022 — וואס האט אונטערגעיאגט NYPA פינאנצירונג פאר די באפעלאו וואסער ברעג.

**<u>איבער די ערי קאנאל האפן אנטוויקלונג קארפאראציע</u>**
דער ערי קאנאל האַרבּאַר אנטוויקלונג קארפארעישען ( Erie Canal Harbor Development Corporation, ECHDC) ווערט געפירט דורך א ניין-מיטגלידערדיגע באָורד וואס באשטייט פון זיבן שטימער דירעקטארס און צוויי נישט-שטימענדע, עקס-אפיסיא דירעקטארס. די זיבן שטימער דירעקטארס ווערן רעקאמענדירט דורך דער ניו יארק סטעיט גאווערנער און באשטימט דורך דער ניו יארק סטעיט אינער-שטאטישע אנטוויקלונג קארפארעישען d/b/a ׳עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ אלס איינציגער שעירהאלטער פון ECHDC. די צוויי דירעקטארס פון אנדערע אפיסעס זענען די ערי קאונטי עקזעקיוטיוו און די באפעלאו סיטי מעיאר.

אלץ אן אונטערגעבויגענע קערפערשאפט צו די עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט – די סטעיט'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור – שטיצט די ערי קאנאל האפן דעוועלאפמענט קארפארעישען און זי שטופט פאר דאס אויפבויען אינפראסטרוקטור און פובליק אקטיוויטעטן ביי Canalside, די Ohio Street שטרעקע און די דרויסנדיגע האפן וואס ציהט צו קריטישע מאסן פריוואטע אינוועסטירונגען און פארמערן די הנאה וואס די וואסער ברעגעס גיבן פאר איינוואוינער און טוריסטן אין מערב ניו יארק. זייער חלום איז

צו אויפלעבן מערב ניו יארק'ס וואסער ברעג און צוריקברענגען עקאנאמישע וואוקס צו באפעלאו וואס איז געבויט אויף די ראיאן'ס היסטאריע פון שטאלץ, פון שטאטישקייט און נאטורליכע שיינקייט.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418